# פרשת אמור

**בס"ד. קטעים מהתוועדות פסח שני ה'תשמ"ז**
**הנחה פרטית בלתי מוגה**

## צדקה - גם אחרי החג

"ובקוצרכם את קציר ארצכם",

איז דאך ידוע אין דערויף די שאלה, (אז) ווי פאסט אהערצו אריין דער ענין, אז "בקוצרכם את קציר ארצכם" דארף מען געבן צדקה צו די עניים וואס דארפן אנקומען צו דעם "לקט" און "שכחה" און "פאה" מיט די אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט שעת הקציר?!

...שטייט דאך אויף דערויף אין מפרשי המקרא,

אז דא באווארנט מען: אזוי איז דאך דער ענין פון א יו"ט, "אלה מועדי הוי'" איז דאך דער ענין אז מ'דארף משמח זיין דעם לוי און דעאם עני און די אלמנה והגר אשר בקרבכם, "ושמחת בחגיך" –

זאגט דער פסוק, אז אפילו נאך דערויף ווי ס'איז דורכגעגאנגען חג הפסח "מועדי הוי'", און אויך דורכגעגאנגען דער המשך וסיום שלו, וואס דאס איז די חמשים יום – אז עס קומט דער חג השבועות –

זאלסטו ניט טראכטן, אז דעמולט איז אויך אוועקגעגאנגען דער ענין פון משמח זיין דעם אלמנה והלוי וגר וכו' – באווארנט דאס גלייך דער פסוק נאך דערויף ווי ער האט געבראכט דעם ערשטן יו"ט וסיום שלו – אז מ'זאל וויסן זיין, אז "בקוצרכם את קציר ארצכם" דארפסטו ממשיך זיין דאס וואס ס'איז געווען "שמחתי ושימחתי" – דער ענין פון מתנות לעניים.

אעפ"כ איז דאס איז דאך א הסברה, אבער דערפון דארף דאך אויך זיין א לימוד בנוגע לפועל, ביז "ליישר הדיעות".

און אט דאס איז – ווי מ'זעט בפשטות אין דיעות בני אדם, אז בשעת ס'איז דא דער חג הפסח איז אט דעמולט גרייט מען זיך צו אים "שלשים יום לפני הפסח" הויבט מען שוין אן טומלען וועגן דעם ענין פון צדקה, ווי אראפגעבראכט גלייך אין שו"ע בתחילתו פון דעם אלטן רבי'ן

- אע"פ וואס ער רעדט גאר דארט וועגן ענינים וואס זיינען געווען בזמן שביהמ"ק הי' קיים, וואס דערפאר האט מען געדארפט האבן "שלשים יום" דערפאר וואס מ'האט געדארפט האבן די דינים פארבונדן מיט די קרבנות און מיט די בהמות וואס מ'דארף זיי ברייגגען לקרבנות וכו', ווי ער ברענגט דאס אראפ אין שו"ע,

און ברענגט גליך אראפ בהמשך לזה – אז מ'דארף זיך פארנעמען מיט "קמחא דפסחא", מיט מעות חטים, מיט דעם ענין פון צדקה, שלשים יום לפני החג.

און ווי דאס איז געווארן מנהג ישראל.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת אמור

...בשעת עס ענדיקט זיך אבער אט די גאנצע תקופה – אט דעמולט קומט די אזהרה וואס מ'דארף נאכאמאל דערמאנען, די באנייטע:

אז אפילו אז דיר ווייזט זיך אויס אז דו האסט געגעבן אזויפיל מעות חטים אז ס'האט געסטייעט די זקוקים לזה ניט נאר אויף פסח, נאר אויך אויף כמה זמן לאחרי זה,

און קען זיין, אז ניט נאר די ווייזט זיך אזוי אויס, נאר אזוי איז טאקע געווען בפועל –

דארפסטו אבער וויסן זיין, אז איצטער האט זיך געענדיקט דער יו"ט פסח מיט "שבעה שבועות" שלו, דארפסטו נאכאמאל באנייען בא זיך דעם גאנצן שטורעם:

אז וויבאלד אז דו האסט "ובקוצרכם את קציר ארצכם", די ברכת הוי', וואס ער האט דיר געגעבן "בארצך" אז דו זאלסט האבן מזונא רוויחא –

זאלסטו געדיינקען אז עס דארף זיין "צדקה ומשפט", ווי עס שטייט ביי אברהם'ען דער לשון: פריער "משפט" און דערנאך "צדקה", טייטשט דאס אפ דער אלטער רבי: אזוי איז געווען די הנהגה פון אברהם'ען, פריער האט געמאכט א "משפט" וויפל ס'קומט אים פון נכסיו, ביז וואנענט אז נאך דערויף האט ער געגעבן צדקה – איז דאס געווען א סאך מערער ווי מ'שטעלט זיך פאר ווען עס וואלט ניט געווען דער משפט צדק וואס אברהם האט געמאכט.

עד"ז ווערט דאס א חלק פון הוראה פון תורה, אז אזוי דארף זיין "יצוה את בניו ואת ביתו אחריו", אז בא זיי זאל אויך זיין די הנהגה פון "משפט", ולאחרי זה די גאנצע איבעריקע גיט ער אוועק אויף צדקה. און ס'מוז אבער, צדקה מצוה לפרסם עושי מצוה, בפרט בנוגע צו צדקה:

אז א איד וועט זיך מאכן די צדקה מערניט ווי "הצנע לכת" – איז דעמולט עלול אז אנדערע זאלן זיך פון אים אפלערנען וויבאלד אז ער איז זיך ניט משתתף בכל ענינים אלו – איז א סימן אז דאס איז ניט פאר אנשים נכבדים!

ובפרט נאך אז ער האט א גאנצע בארד, און דער אויבערשטער האט אים געבענטשט מיט א סאך געלט, און ער איז נכבד – אע"פ וואס ער איז מער נכבד צווישן סוחרים ווי נכבד צווישן עובדים, אבער אעפ"כ טוט ער, און טוט אבער מערניט ווי מ'זעט, אנדערע זאכן איז אין אדם יודע מה שבלבו של חבירו, אט דעמולט קען זיין "הצנע לכת" אנרירן דעם ענין הצדקה פון כו"כ שמסביבו.

אע"פ וואס מ'זעט אז בשאר הענינים איז ער בשלימות – כאמור לעיל: אלע י"ג תיקוני דיקנא איז ביי אים בשלימות...

- איז דאס גופא איז נאכמער מוסיף: אז וויבאלד אז מ'זעט אז וואו נאר ס'איז דא עפעס א מגבית של צדקה איז ער דארט ניטא;

וואו נאר מ'דארף עפעס דרוקן ענין וואס איז פארבונדן מיט הפצת המעינות חוצה – איז ער דארטן ניטא...

במילא, אז עס קומט צוגיין און ער טרעפט זיך מיט דער בעה"ב'סטע זיינער, מיט דער פרוי, מאכט זי מיט אים א טומל: היתכן?! שרייט ער: "הצנע לכת"!



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת אמור

- וואס איז די פעולה פון דיין "הצנע לכת" – גיב בגלוי, און עס וועט בלייבן גענוגע אז דו זאלסט קענען געבן אין "הצנע לכת".

איז דאך דער פירוש בדבר איז – אז דאס איז מגלה וואס זיין רצון החזק איז: דאס וואס ער וויל געבן – גיט ער, במילא איז בשעת מ'רעדט זיך וועגן אן עלי' איז ער מקפיד מ'זאל אים געבן דוקא שלישי וכיו"ב, אדער אמ קום בבית הכנסת זאל ער זיצן דוקא אין מזרח, ווארום ער איז דאך א "מזרח" איד;

בשעת אבער עס קרומט צו וואו-נאר א מגבית של צדקה – זיין נאמען איז ניטא.

עד"ז איז הפצת המעינות חוצה, וואס נשיא דורינו האט געמאכט א שטורעם אז דאס איז איצטער דער "צו השעה" פון יעדערן און יעדערע "יפוצו מעינותיך חוצה" – במילא, זיי זיך משתתף און [עס זאל] זיין דיין נאמען געדרוקט,

- ווילסט ניט שרייבן דעם פרסום – זאגט ניט דיין פאמיליע-נאמען, קיינער בעט דאס ניט בא דיר, - אבער די געלט דיינע דארף זיין דארטן!

- זאגט ער: ניין! דאס איז פאר אים צופיל פרסום – אפשר וועט מען זיך כאפן ווער דאס איז!

אט דאס וואס מ'וויל ארויסברענגען: אז "הצנע לכת עם הוי' אלקיך" איז טאקע אלץ גוט, און דאס ווערט א ציווי, בי וואנענט אז מ'זאגט אז דאס איז נאך גרעסער פון קרבנות, כהמשך הכתוב,

אבער "הצנע לכת" וואס דערפאר נעמט א צווייטער אויך ניט קיין איינטייל אין הדפסת ספרים אדער הדפסת קונטרסים, אדער קויפן ספרים און זיי מפיץ זיין, ווי די גמרא זאגט "וצדקתם עומדת לעד [זה] הכותב ספרים ומשאילן לאחרים", עאכו"כ אז ער האלט אין דרוקן און שענקט דאס אוועק וכו' וכו'. וואס אין כאן המקום להאריך בזה.

וואס דאס איז אויך נכלל אין דעם "ובקוצרכם את קציר ארצכם".



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.